בעזהשי״ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך:
סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

**פרשת ויצא**
**שנה ג׳ - גליון פ״ו**
עש״ק ה׳ כסלו תשע״א

**הדלקת הנרות**
**4:25**
**זמן מוצאי שבת**
**5:52**
סוף זמן קרי״ש 8:33

## א חתונה די געשפרעך פון טאג

חשוב׳ע עלטערן! אפילו אויב איר האט געהערט האט איר נישט געזעהן! דאס איז דאך געווען איינס אין דער וועלט. שוין אנגעהויבן מיט די שיינע חתונה בריוו׳לעך וואס מען האט אהיים געשיקט דינסטאג.

מיטוואך האבן אלע קינדער אריבער שפאצירט צום הערליכן "**קאנטינענטאל חתונה זאל**" און זיך הערליך שיין ארום געזעצט דעם גאנצן זאל. אויפאמאל! אלע קינדער באקומען א פעקעלע וואס איז צוגעשטעלט געווארן ספעציעל פון אונזערע געסט "**המספיק דעי העב**" פאר דעם באווארפן. מיר האבן אויפגעהויבן דעם פעקעלע זייער הויך, און ווען דער חתן מיטן טלית איז ארויף אויפן באלעמער האט דער מנהל געהייסן ווארפן... אָהַ אָהַ האבן מיר פיין געווארפן ביז ער איז געווארן איינגאנצן באווארפן. מען האט צוזאם געגומען די פעקלעך און דאס שפעטער געגעבן ביים אהיים גיין. די מוזיק הייבט אן שפילן לעבעדיג "**עוד ישמע בערי יהודה**" פון אלע זייטן קוקט מען גוט, אט זעהט מען יעקב אבינו דער חתן מיט א גאלדענע בעקיטשע. דער חתן זעצט זיך אראפ אויף א בענקל מען הייבט אים אויף, און מען טאנצט לעבעדיג. אלע קינדער צוזאמען מיט די רבי׳ס האבן געטאנצן און געשפרינגען, עס איז געווען געוואלדיג. פלוצלינג! פארלעשט זיך די לעקטער ממש ווי לבן האט געטוהן און די מוזיק שפילט און זינגט מיט אלע קינדער צוזאמען **הָאֵלִיי הָאֵלִיי**.....

**א סעודה!** ממש ווי א חתונה מעניו איז געווען צוגעגרייט, אָהַ אָהַ איז דאס געווען א לעבעדיגע שמחה, צו אזעלכע חתונות האב איך זייער ליב צו גיין!

## פארגעשטעלט אין חדר די וואך



**דער חלום פון יעקב!!** ווען מיין רבי האט פארציילט פון יעקב׳ס חלום מיטן לייטער האב איך דאס זייער גוט פארשטאנען. עטליכע חדרים האבן צוזאם געשטעלט א ריזיגע לייטער מיט טויס מיר האבן זייער שווער געארבייט צו מאכן א גרויסן לייטער, אויך זענען מיר אריין אינעם ספעציעלן חדר און געזעהן דעם עכטן גרויסן לייטער פון דער ערד ביז צום הימל, און 12 שטיינער ארום יעקב׳ס קאפ מיט נעגל וואסער פון די זייט, אט דא שלאפט יעקב אבינו מיר האבן זיך אויך אליין געקענט דארט אראפ לייגן.



**די ברין!** ממש א עכטע ברין מיטן גרויסן שטיין דערויף, אבער יעקב מיט זיין קליין פינגער קען דאס אראפנעמען שנעל. דאס זעלבע האבן מיר דעם שטיין אויך געקענט אליינס אראפ נעמען.

## א שמחה מיט א מצוה

**ווען מיר** האבן זיך משמח געווען ביי די חתונה די וואך האבן מיר אויך געהאט א גרויסע מצוה. מיר האבן געהאט די געלעגענהייט אז "**המספיק דעי העב**" איז געקומען צו אונז פאר א באזוך ביי די חתונה. די קינדער פון **המספיק** זענען געווען ספעציעל אנגעטוהן צו געשטעלט צו אונזער חתונה, איינער איז אפילו געווען אזוי ווי א רבי מיט א ווייסע שטריימל אויפן קאפ און אנגעטוהן מיט א גאלדענע בעקיטשע, א הילכיגע "**קול רנה**" האט מען געזונגען ווען דער רבי איז אריין געקומען. אלע רבי׳ס צוזאמען מיט דעם גרויסן רבי׳ן האבן ארום געטאנצן אינדערמיט. מיר אלע קינדער ארום האבן געקלאטשט מיט די הענט, "**די שמחה איז געווען געוואלדיג**" שפעטער האבן אלע קינדער מיט געטאנצן אינדערמיט יעדע כיתה מיט זייער רבי אין א עקסטערע רינג.



עס האט געהערשט א געוואלדיגע שמחה ווי אלע קינדער האבן שטארק הנאה געהאט. **די שמחה׳דיגע טענץ** האבן אנגעהאלטן כמעט א שעה צייט. דערנאך זענען אלע כיתות מיט הערליכע שורות צוריק געגאנגען צום בנין הת״ת ווי עס איז געווען צוגעגרייט א הערליכע סעודת החתונה - א בילקעלע, טאמעיטא דיפ, קוגל, און א אייז קריעם. **ספעציעלע מוזיק** דורכן באקאנטן שפילער **ר׳ יואל פעלדמאן נ״י** וואס האט זיך שיין אפגעגעבן ספעציעל מיט די אידישע ניגונים וואס מיר זינגען מיט די קינדער אין חדר, לכבוד די שמחה צו די צופרידענהייט און הנאה פון אלע תלמידים. מיר ווילן זיך טאקע ספעציעל באדאנקען פאר **ר׳ יואל פעלדמאן הי״ו** השי״ת זאל איך שטענדיג באגליקן מיט אסאך נחת פון איהם און פון אלע קינדער עד ביאת הגואל.אמן.

## מידה פון די וואך - בטחון

**פון יעקב אבינו** לערנען מיר זיך גוט: **אפילו מען האט מיר אלעס אוועק גענומען, דעם באשעפער קען מען פון מיר נישט אוועקנעמען!** דער באשעפער פארלאזט נישט קיינעם, נאר ער העלפט אלעמאל יעדן אידיש קינד.

## חכמה׳לעך

**משה לייב** ווען ער האט אויסגערעכנט וואס עשו האט געטון, ער האט נישט געמאכט א ברכה,נישט געבענטשט,האט ער צוגעלייגט "ער האט נישט געבראשט זיין ציין"...

**יענקי** זאגט פאר זיין מאמע אז ער וויל האבן ביי זיי אין משפחה א "צווילינג בעיבי" אבער ח״ו נישט קיין עשו בעיבי נאר צווי יעקב׳לעך...

ווען מען האט גע׳עפנט די פענסטער ביי די סעודה האט זיך **רפאל דוד** אנגערופן: אָהַ ס׳איז געווארן ליפטער (לופטיג) אזוי ווי די מאמע שרה איז לפטר געווארן...

**ברוך יודא** ביי זיין מומע׳ס מצוה טאנץ ווען דער בדחן האט געזונגען "עובר בל תשחית " וואס מען זינגט אין חדר האט ער געפרעגט די בדחן אויב ער איז א רבי אין חדר האט ער איהם געגעבן די מייק און געפרעגט שאלות און פריילך געמאכט יעדן...

ווען מ׳האט געפרעגט **משה אברהם** עשו איז אוועק פון טיש און נישט? האט ער געזאגט עשו איז נישט געווען ביים טיש נאר אין בעט!...

# מעסעדזש פון הנהלת מוסדותינו

אזוי ווי די עסקנים שלוחי המוסדות גייען יעצט ארום צום ציבור אויפצוארבייטן סכומים לכבוד דעם דינער מיר זאלן קענען אנגיין מיט די הייליגע ארבייט וואס מען טוט מיט די צאן קדשים, ע"כ בעטן מיר נעמט אויף אונזערע עסקנים בסבר פנים יפות, זייט אונז מחזק און זייט מחזק דעם מבצר התורה והיראה ווי אייערע קינדער ווערן נתחנך לתורה ולמצוות ולמעשים טובים.

## התודה והברכה

א גרויסן יישר כח און דאנק ווילן מיר דא אפגעבן

פאר הרבני הנגיד המפואר ר' ישראל יעקב הירש הי"ו ומשפ'

מיט זיין געטרייען מיטארבייטער ר' מנחם הילל שפירער נ"י

פארן צושטעלן דעם הערליכן "קאנטינענטאל" חתונה זאל

זאל דער באשעפער העלפן איר זאלט זעהן רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח מיט השפעות לרוב

ווי עס וואונטשן אלע מלמדים מיט אלע תלמידים

## א הארציגן יישר כח

מיר ווילן זיך באדאנקען פאר אונזער געטרייער קעכער

ר' הערשל קלעפנער הי"ו

פארן צושטעלן די סעודת החתונה בטוב טעם

ימלא ה' כל משאלות לבך לטובה אמן

ווי עס וואונטשן אלע מלמדים מיט אלע תלמידים

## הכרת הטוב

מיר ווילן זיך אויסדריקן פון טיפן הארצן און זיך זייער באדאנקען פאר דעם חשוב'ן און געטרייער איבערגעגעבענער מענעדזשער וואס גיבט זיך זייער אפ און העלפט שטארק ארויס די קינדערגארטן מיט סיי וואס אימער מען דארף

ה"ה האברך החשוב עסקן נמרץ ר' יואל שפילמאן נ"י

פארן צושטעלן דעם גאנצן עס–זאל שמחה'דיג ספעציעל לכבוד די חתונה

השי"ת זאל איהם העלפן מיט רב תענוג ונחת מיט הרחבת הדעת וסייעתא דשמיא וימלא ה' כל משאלות לבו לטובה, ובזכות תשב"ר זאל נשפע ווערן השפעות טובות לרוב

## ברכת מזל טוב חמה ולבבית

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב

פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער מלמד

הרה"ח ר' יואל וואלף שווארטץ שליט"א

**לכבוד די געבורט פון זיין איינגל בעיבי למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**

דער באשעפער זאל העלפן אז איר זאלט צוזאמען מיט די ב"ב איהם מגדל זיין גרינגערהייט לתורה ולחופה ולמעשים טובים און איר זאלט שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און אייערע תלמידים**

# מזל טוב וואונטשעך

## ברכת מזל טוב
פאר הילד

**מרדכי שמואל ב"ר מאיר ישכר קאהן נ"י**

לכבוד זיין אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' ירמי' מאיר פאגעל שליט"א

און ר' שמואל ברוך מרדכי קאהן שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד

**יעקב מרדכי ב"ר לוי יצחק טייטלבוים נ"י**

לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' בנימין כהן שליט"א

און ר' יואל שמאיע שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד

**שמואל לוי ב"ר אלכסנדר ראזענפעלד נ"י**

לכבוד זיין ברודער'ס חתונה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' ירמי' מאיר פאגעל שליט"א

און ר' שמואל ברוך מרדכי קאהן שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד

**חיים הערש ב"ר יושע וואלף מיטטעלמאן נ"י**

לכבוד זיין מומע'ס חתונה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' אברהם בערגער שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד

**יחזקאל שרגא ב"ר יואל וואלף שווארטץ נ"י**

לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' משה יעקב אהרן בוקסבוים שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד

**דוד שמואל ב"ר יואל בערגער נ"י**

לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' יואל וואלף שווארטץ שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד

**יצחק ב"ר יושע הערש פריעדמאן נ"י**

לכבוד זיין פעטער'ס חתונה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' יואל כהנא שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד

**יחזקאל שרגא ב"ר יקותיאל לוי מערץ נ"י**

לכבוד זיין פעטער'ס חתונה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' הערשל פעקעטע שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד

**נחמן ב"ר יואל לאנדא נ"י**

לכבוד זיין מומע'ס חתונה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' אברהם בערגער שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד

**מרדכי דוד ב"ר יודא יוסף זאב מויזקאפף נ"י**

לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' אברהם בערגער שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד

**מרדכי ב"ר יעקב יודא מיטטעלמאן נ"י**

לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' יואל צוויבל שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד

**שבתי ב"ר יעקב מאיר נפתלי קאהן נ"י**

לכבוד זיין פעטער'ס חתונה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' יואל כהנא שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד

**וואלף ב"ר ישראל שיפף נ"י**

לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' יואל צוויבל שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד

**אהרן יצחק ב"ר אברהם מאיר ראזענוואסער נ"י**

לכבוד זיין פעטער'ס חתונה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' אברהם בערגער שליט"א

## ברכת מזל טוב
פאר הילד

**דוד זכרי' ב"ר יואל פערלמאן נ"י**

לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' שמואל אברהם גרינפעלד שליט"א

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד**